UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Sukes – A Krants Fun Yomim Toyvim (Sukkot – A Garland of the Jewish Holidays)

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/91w8j1s7

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 94(1)

Author
Layner (Lainer), Sore Rafalin (Sarah Rafalin)

Publication Date
1979-09-01

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

שרה ראַפּאַלין-ליינער

# סוכות — אַ קראַנץ פון ימים טובים

פון די שלוש רגלים וואָס מיר האָבן אין משך פון יאָר איז דער יום-טוב סוכות דער אייגנאַרטיקסטער און פאַרשיידנאַרטיקסטער אין אונדזער לוח, מיט גאָר אַן אייגנעם צערעמאָניאַל

אמת, עס איז אַ תורה יום-טוב, ווי די אַנדערע צוויי, פּסח און שבועות, ד"ה, די תורה, דער חומש, זאָגט אונדז אָן צו פייערן די שלוש רגלים.

אָבער סוכות האָט אַ ספּעציעלן איינהאַלט און אַן אייגענעם כאַראַקטער.

נאָך די שווערע ימים-נוראימדיקע טעג וואָס הייבן זיך אָן פּאַקטיש ראש חודש אלול מיט דעם ערשטן שופר בלאָז; נאָך די ערשטע סליחות-נאַכט, וואָס פירט אונדז אַריין אין דער ימים-נוראימדיקער אַטמאָספערע; נאָך דעם ערנסטן קלימאַקס פון ראש השנה און יום כיפור, ווען דער ייד דערהויבט זיך צו הימלישקייט; נאָך די עשרת ימי תשובה, וואָס מאַכן דעם מענטשן גרעסער און העכער און הייבן אים אויף צום רבונו של עולם, קומט דאַן סוכות און ברענגט מיט זיך גאָר אַן אַנדער שטימונג און פירט אונדז אַריין אין אַן אַנדער גייסטיקער אַטמאָספערע. סוכות ברענגט דער ייד אַרונטער די הימלישקייט אויף דער ערד און דערהויבט דאָס גשמיותדיקייט, דאָס ערדישע, צו רוחניותדיקייט. דאָס ווערט דערגרייכט דורך שמחה, דורך אמתער זעלישער פרייד. ביי יידן איז הימל און ערד אומצעטיילבאַר, ביידע צוזאַמען דערגאַנצן זיך און שאַפן אַ האַרמאָניע: „שמעו שמים והאזינה ארץ."

דער מדרש דערציילט, אַז גלייך מוצאי יום-כיפור גייט אַרויס אַ בת-קול און זאָגט: „לך אכול בשמחה לחמך ושתה בלב טוב יינך, כי כבר רצה ה' את מעשיך" (עס דיין ברויט מיט פרייד און טרינק דיין וויין... (קוהלת ט-ז).

אַלע ימים-טובים ברענגען פרייד, ווי דער נאָמען אַליין זאָגט „יום-טוב". סוכות אָבער איז אָפיציעל באַצייכנט געוואָרן ווי דער יום-טוב פון פרייד, ס'איז אַ שמחה של מצוה.

דריי מאָל ווערט געזאָגט וועגן סוכות דער אויסדרוק „שמחה":

1. ושמחת בחגיך (דברים ט"ז-י"ד)
2. והיית אַך שמח (דברים ט"ז-ט"ו)
3. זמן שמחתנו (אין דער ליטורגיע)

די צוויי מער באַקאַנטע און פּאָפּולערע נעמען פון דעם יום-טוב זיינען חג הסוכות און חג האָסיף — דער יום-טוב פון איינזאַמלען. עס פאַלט אויס אין האַרבסט (תשרי 15), שוין נאָך דעם שניט, די תבואות פון די פעלדער זיינען איינגעזאַמלט אין די שפּייכלערס, דאָס געראָטעניש — אַ געבענטשטע, עס איז געווען אַ מזל-ברכה און דער ייד מעג זיך דערלויבן צו זיין פריילעך און צופרידן.

דאָס לעבן פון יענער צייט אין ארץ ישראל איז געווען פאַרבונדן מיט ערד-אַרבעט, די יידן זיינען געווען ערד-אַרבעטער, פויערים;; זייער לעבנס-סטיל איז געווען באַאיינפלוסט און באַזירט אויף דער נאַטור, אָפּהענגיק פון אירע נאַטירלעכע עלעמענטן און אויסגעזעצט צו אירע קאַפּריזן; איז פאַרשטענדלעך, אַז נאָך אַ יאָר פון שווערער אַרבעט אין פעלד, "בזיעת אפך תאכל לחם", אין קאַמף מיט כפירה (דאָס אָפּוואַרפן) מער ווי די אמונה, ווי דאָס וואָס מען נעמט אָן. אין דער פריערדיקער שטעטלשער תקופה האָבן מיר בכלל ניט געהאַט דעם טערמין רעליגיע, מען האָט גערעדט און געדענקט נאָר וועגן יידישקייט (ייהדות). איצט ערשט האָבן מיר גענומען ריידן וועגן רעליגיע און די אָרטאָדאָקסן ווילן אידענטיפיצירן נאָר די יידישקייט בלויז מיט דער רעליגיע, מיט דער פיקסירטער, פאַרשריבענער רעליגיע (רעליגיע שבכתב).

אַזוי אַרום קען ביי היינטיקן טאָג קיין שום רעליגיעזע ריכטונג נישט אויפהאַלטן יידישקייט, ווייל יידישקייט איז אַ קולטור-שטייגער, וואָס איז אַ סך ברייטער פון רעליגיע, ווי אַלע היינטיקע ריכטונגען פאַרשטייען דעם טערמין.

די אָפּט מאָל ניט פריינדלעכע עלעמענטן פון דער באַטור — ווינטן טריקענישן, פאַרפלייצונגען און אַזוי ווייטער—זאַמלט איין דער ייד די פרוכט פון זיין פראַצע און זעט גאָטס ברכה אין דעם. איז דאָס אַ גענוגנדע סיבה זיך צו פרייען און אויסדריקן זיין דאַנקבאַרקייט צום רבש״ע, (טהענקסגיווינג). די אַמעריקאַנער האָבן אונדז נאָכגעטאָן, זיך געלערנט פון אונדז און באַשטימט דעם שיינעם „טהענקסגיווינג״ יום־טוב, טאַקע כמעט אין דער זעלבער צייט פון יאָר, וואָס זיין מאָטיוו איז דאַנקבאַרקייט פאַר גאָטס גאָב.

„ושמחת בחגך״ און ווו עס איז דאָ אמתע פרייד איז דאָ קדושה.

איז דאָך דאַכט זיך גוט און פיין, קומט די תורה און הייסט אים פאַרלאָזן זיין באַקוועמע דירה, זיין פראַכטיקע היים מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, און באַזעצן זיך אויף גאַנצע זיבן טעג, אָפּט מאָל קילע, רעגנדיקע, האַרבסטיקע, גיין וווינען אין אַ ביידל, אין אַ צייטווייליקע, דירה ארעה.

וואָס איז? „כי בסוכות הושבתי את בני ישראל.״

וואָס אייגנטלעך מיינט עס?

עס ענטהאַלט אַ שיינע, טיפע מאָראַל, אַ מוסר השכל און דער אָנזאָג איז, אַז אַ מענטש טאָר ניט פאַרגעסן די שלעכטע צייטן וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין זיין לעבן, אפילו דאַן ווען עס איז אים גוט און באַקוועם. די סוכה קומט אים צו דערמאָנען, אַז עס איז ניט תמיד אַזוי געווען; מען דאַרף געדענקען דעם ביטערן נעכטן, דעם גלות, און דעם גליקלעכן היינט. אַזוי נעמט מען אים אַרויס פון דעם היינט, פון דער קעגנוואַרט, און מען ברענגט אים צוריק אין דער פאַרגאַנגענהייט, אין די היסטאָרישע צייטן, אין דעם נאַציאָנאַלן אַמאָל, מיט זיינע שטורמישע גורלדיקע איבערלעבענישן, ווייט, ווייט, ביז צו יציאת מצרים.

„למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים כל ימי חייך״, מען נעמט אים אַרויס פון זיין אינדיווידועלער געמיטלעכקייט, מען ברייטערט אויס די ראַם פון זיין עגאָאיסטישן לעבן און בירגערלעכער איינגעזעסנקייט און מען פירט אים אַריין אין דער סוכה, דערמאָנענדיק אים אַז: דו ביזט אַ ייִד, דו האָסט אויך דיין היסטאָרישן לעבן מיט אַ נאַציאָנאַלן זכרון, וואָס מיינט אַחריות פאַרן גאַנצן פאָלק. יציאת מצרים איז דער יסוד אויף וועלכן די יידישע געשיכטע שפּאַרט זיך אָן.

סוכות איז מער ווי יעדער אַנדער יום־טוב. עס האָט זייער אַ רייכן סימבאָליזם, וואָס איז פילפאַרביק, אָריגינעל און דערהויבן, אַ צוזאַמענשפיל פון פאַרשידענע אַלעגאָרישע עלעמענטן, מאַטעריאַליסטישע און גייסטיקע, נאַציאָנאַלע און איבדיווידועלע (יחידישע), ווו הימלישקייט און ערדישקייט שפּאַנען צוזאַמען; סוכות האָט אַ שלל מיט געדאַנקען, פירושים און דרושן, אויסטייטשונגען און אייבטייטשונגען — „שבעים פנים לתורה״.

די תפילה פאַר רעגן, וואָס מען הייבט אָן צו זאָגן סוכות־צייט (שמיני עצרת) „משיב הרוח ומוריד הגשם״, איז מרמז, אַז דער ייד דאַרף האָבןביידע, דעם רוח — רוחניות, און דעם גשם — גשמיות.

די סוכה אַליין, די דירה ארעי, אַ צייטווייליקע, פּראָוויזאָרישע, אַ וואַקלדיקע, צונויפעקלאַפּט פון ברעטלעך אָן אַ פעסטן פונדאַמענט, איז אויסגעשטעלט צו אַלע שטורעמס (פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און רעליגיעזע). יעדער איינער קען זי אומוואַרפן. דערמאָנט זיך די פּאָעמע ביי פרוגן: „די סוכה און די לאָקשן־ברעט״. די סוכה — אָן אַ דאַך, באַדעקט מיט סכך, וואָס לאָזט קוים דורך אַביסל זונען־ליכט; לויטן דין דאַרף זי זיין „צלתא מרובה מחמתה״— מער שאָטן ווי ליכט. דאָס אַליין איז אַן אָנווונק אויפן מענטשנס לעבן וואָס האָט ליכט און שאָטנס, ליידער מער שאָטן ווי פריידיקע מאָמענטן. דער חומש זאָגט (בראשית ו־ה): „רבה רעת האדם״ — שלעכטס איז דאָ אַ קוואַל; גוטס — נאָר אַ שטראַל (י. וויניצקי). דאָס אַליין איז אפשר אויך אַ מוסר השכל: פאַרוואָס האָט גאָט באַשאַפן דאָס שלעכטס? כדי צו קענען אָפּשאַצן דאָס גוטע. דאָס זעלבעזען מיר אין די ווונדערלעכע מוסטער ווערק, אין די פּאָרטרעטן פון אַ רעמבראַנדט, וואָס דורך טונקעלע פאַרבן ברענגט ער אַריין בולטער, עכטער און שאַרפער די ליכטיקע שטריכן פון די טיפן וואָס זיין געניאַלער פענדזל מאָלט אויס.

די סוכה — זאָגט דער מדרש — סימבאָליזירט אונדזער אומה. קוקט אָן און שטוינט! אַט אָ די שוואַכע סוכהלע האָט איבערגעלעבט מעכטיקע אימפּעריעס, רוימישע גראַניטענע פּאַלאַצן, גריכישע מאַרמאָרנע טעמפּלען; פון זיי זיינען רוינען פאַרבליבן, און די סוכהלע אָטעמט מיט אייביקייט, מיט טיפן גלויבן אין נצח ישראל. אַזוי לערנט זי דעם יידן איבערצולעבן אַלע גורלדיקע פּאַסירונגען פון זיין פאָלק, זיי נעמען אויף די פּלייצעס זיך צו אידענטיפיצירן מיט זיי און ממשיך צו זיין ווייטער, ווי לייוויק זאָגט: „איך הייב זיך אויף ווידער / און שפּאַן אַוועק ווייטער.

דער ייד פייערט ניט קיין יום־טוב, ער לעבט אים איבער, ווי אין דער הגדה שטייט: „חייב אָדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים."

דאַן האָבן מיר דאָס אתרוג־בענטשן, אַ קאַרדינאַלע מצוה, וואָס איז אונדז אָנגעזאָגט געוואָרן פון דער תורה פּאַראַלעל מיט „בסוכות תשבו"; און ביידע צוזאַמען זיינען אַ צענטראַלע טעמע פאַר סוכות.

יידן האָבן זייער שטאַרק געהאַלטן פון דער מצוה און פלעגן זיך אָפט מוסר נפש זיין און אויסגעבן דעם לעצטן גראָשן צו קויפן אַ שיינעם אתרוג. ס'איז פאַראַן אַ סך לעגענדאַרע מעשיות וועגן דעם.

דער ווילנער גאון איז גרייט אַוועקצוגעבן זיין עולם הבא פאַר אַ שיינעם אתרוג, כדי צו ווייזן, אַז ער האַלט פון דער מצוה אָן און פאַר זיך, לא על מנת לקבל פרס.

די 4 מינים — דער אתרוג, דער לולב, דער הדס און די ערבה.

„ולקחתם לכם ביום ראשון פרי עץ הדר" (ויקרא כג־מ).

דער מדרש פאַרגלייכט די 4 מינים צו די פיר מינים יידן, וואָס יעדער איינער האָט זיין אייגנאַרטיקן, כאַראַקטעריסטישן שטריך:

דער אתרוג, וואָס האָט אַ גוטן טעם און אַ גוטן ריח, איז דער שיינער ייד, דער לערנער, וואָס האָט גלייכצייטיק אויך מעשים טובים.

דער לולב האָט אַ גוטן טעם אָבער האָט ניט קיין ריח — טאַקע אַ ייד אַ למדן, אָבער איילט זיך ניט צו טאָן מעשים טובים.

דער הדס, פאַרקערט, האָט אַ גוטן ריח, אָבער ניט קיין טעם. דער ייד, פאַרגליכן צו אים, טוט טאַקע גוטע מעשים, אָבער אין לערנען איז ער ניט אַזוי באַהאַוונט, אַביסל שטומפּיק אויף „עברי".

די ערבה האָט ניט קיין טעם און ניט קיין ריח — דער סימבאָל פון אַזאַ יידן, וואָס ניט ער קען לערנען און ניט ער טוט מעשים טובים.

אָבער „ויעשו כולם אגודה אחת — מען מאַכט איין ברכה אויף אַלע 4 מינים צוזאַמען און אַלע צוזאַמען שאַפן דעם ציבור, איין טיפּ דערגאַנצט דעם אַנדערן, די מעלות פון די איינע מישן זיך אויס מיט די חסרונות פון די אַנדערע, און אַלע צוזאַמען שאַפן דאָס יידישע פאָלק.

כדי מקיים צו זיין ריכטיק די מצוה, מוזן אַלע 4 מינים זיין צוזאַמען פאַרבונדן. דאָס לערנט אונדז די מצוהפון ארבעה מינים — לויט דער מכילתא. עס דרוקט אויס אַחדות און ווייזט אָן אויפן כוח פון תבורה, און דער „פרי הדר" באַציט זיך אויפן איגוד מער ווי אויפן אתרוג. ציבור באַשטייט פון ד דריי קאָנסאָנאַנטן, וואָס זיינען מרמז אויף צדיקים, בינונים און רשעים. אַלע צוזאַמען איז כלל ישראל.

ווען מען בענטשט אתרוג, האַלט מען דעם אתרוג אין איין האַנט (די לינקע) און די איבעריקע 3 אין דער אַנדערער. קומט אויס, אַז דער אתרוג איז אַביסל אָפּגערוקט, אַביסל דערווייטערט. פרעגט זיך אַ פראַגע: „מען זאָגט „בענטשן אתרוג" אָבער די ברכה גייט „על נטילת לולב", דאָס ווערט אויסגעטייטשט פיגוראַטיוו אַלס אַ שטראָף פאַרן אתרוג, וואָס פירט זיך ווי אַ מיוחס, אַ גרויסהאַלטער, שטאָלץ און ביי יידן גאווה איז פאַררעכנט פאַר אַ מיאוסע מידה.

אַנדערע ווילן זען אין די 4 מינים דעם סימבאָל פון די צענטראַלע הויפּט־אָרגאַנען פון דעם מענטשלעכן קערפּער און זיינע פונקציעס. (ויקרא רבה ל' י"ג). דער אתרוג קוקט אויס ווי דאָס האַרץ — לב טוב שטייט העכער פון אַלץ. (זע אָבות פרק שני — יוחנן בן זכאי און זיינע תלמידים).

דער לולב סימבאַליזירט דעם רוקן־ביין — עס מיינט: ייד! זיי שטאָלץ, בייג זיך ניט פאַר קיין טיראַן, דו ביסט דער טרעגער פון דעם פריהייט־געדאַנק — „ומרדכי לא כרע ולא השתחוה" (מגילת אסתר).

דער הדס מיט זיינע בלעטעלעך זיינען מרמז פיגוראַטיוו אויף דעם מענטשנס אויג. רבי אליעזר בן הורקנוס האַלט אַז אַ גוט אויג פירט דעם מענטשן אין אַ גוטן וועג. פון דער צווייטער זייט מיינט עס, אַז מען דאַרף שטענדיק געדענקען אַז עס איז דאָ אַן אויג, וואָס זעט אַלץ וואָס דו טוסט, אַלץ ווערט רעקאָרדירט און וועסט דאַרפן אָפּגעבן חשבון פאַר דיינע מעשים. „עין רואה".

די ערבה קוקט אויס ווי די ליפּ, דעם מענטשנס מויל. ס'מיינט, גיב אַכטונג אויף דיינע רייד — „מוצא שפתיך תשמור". „ומדבר שקר תרחק" (שמות כ"ג). אָדער: „נצור לשונך מרע ושפתיך מדבר מרמה." היט דיין צונג פון באַטראַג, היט דיינע ליפּן פון זאָגן ליגן; היט זיך פון רכילות טרייבן און לשון הרע, וואָס קען ברענגען אַ מענטשן אויפן פייער און אים אומברענגען. דער חפץ חיים).

סוכות איז אויך אַ יום־טוב וואָס באַטאָנט גאַסטפריינדלעכקייט, מען גייט באַזוכן פריינד אין דער סוכה און אַריינכאַפּן אַ קידוש מיט אַ ברכה „לישב בסוכה". הכנסת אורחים איז פאַררעכנט פאַר אַ גרויסע מידה ביי יידן, וואָס מיר לערנען פון אַברהם אָבינו.

אָבער סוכות לאָדט מען איין ספּעציעל היסטאָרישע געסט פון דעם אַלטן עבר, כדי צו האָבן אַ געלעגנהייט זיך צו טרעפן מיט די אַמאָליקע נאַציאָנאַלע העלדן אונדזערע. איך רוף עס אַן „מיטינג אָוו מיינדס" און עס דוכט זיך מיר אַז סטיוו אַלען האָט עס גענומען פון אונדז און פּראָדוצירט דעם אינטערעסאַנטן טעלעוויזיע פּראָגראַם.

דער ייד פאַרבעט צו זיך אין סוכה אַריין די גדולי האומה און גיט זיי אָפּ אַ ספּעציעלן כבוד. ס'איז ניט קיין לייכטע זאַך צו מאַכן די סעלעקציע, ווייל אונדזער געשיכטע איז רייך מיט נאַציאָנאַלע פּערזענלעכקייטן וואָס האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע קעמפנדיק פאַרן יידישן כבוד, פריהייט און זיכערקייט. ער לאָדט איין די זיבן העלדן וואָס האָבן געלייגט אַ חותם אויף אונדזער געשיכטע און אָנגעמערקט דעם וועג אויף אונדזער היסטאָרישן גאַנג.

דער זוהר רופט זיי אָן די 7 אושפּיזין — אורחים, וואָס באַשיינען אונדזער סוכה און אונדזער שמחה, יעדן טאָג אַן אַנדער גאַסט.

דער בעל־הבית, דער מכניס אורח, מאַכט אים דעם אמתן „ברוך הבא" מיט אַ ספּעציעלער ברכה, באַזעצט אים אויבנאָן, כאַפּט מיט אים אַ שמועס וועגן זיין יחוס, זיין בייטראַג, און האָט נאָך אַמאָל אַ געלעגנהייט איבערצולעבן די פאַרגאַנגענהייט, זיך פאַרטראַכטן וועגן דער צוקונפט און ער פילט זיך באַגייסטערט צו זיין אין דער מחיצה פון די אָבות; מען פילט אַז די שכינה רוט אין דער סוכה.

די זיבן אורשפּרונג פאַטערס, וואָס זיינען זוכה געווען אַריינגערעכנט צו ווערן אין די אושפּיזין זיינען: די דריי אָבות — אברהם, יצחק, יעקב; יוסף הצדיק, משה רבנו, אהרן הכהן און דוד המלך.

סוכות איז אייגנטלעך ניט דער איינצלנער יום־טוב, ער איז גיכער אַ צוזאַמענגעזעצטער פון עטלעכע פייערונגען, אַ מין קראַנץ פון ימים טובים. סוכות — די זיבן טעג „בסוכות תשבו שבעת ימים"... דער זיבעטער טאָג רופט זיך הושענה רבה. דער יידישע פאָלקלאָר וויל האָבן, אַז דער הימל שפּאַלט זיך דאַן, מען זאָגט תיקון ליל הושענה רבה. דאַן ווערט דערהויבן די ערבה, אָט אַ די וואָס סימבאַליזירט דווקא דעם נידעריקסטן טיפּ ייד, ווי מיר האָבן פריער געזען. הושענה רבה ווערט אָנגערופן אפילו מיטן נאָמען „יום חיבוט ערבה", ווען מען שלאָגט הושענות; אויך די ערבה האָט „איר טאָג אין קאָורט", ווי די אַמעריקאַנער זאָגן. הושענה רבה איז אַ מין דערגאַנצונג צו די ימים־נוראים־דיקע טעג, פון ראש השנה און יום כיפור, ווען דער יחיד און דער כלל ווערן געמשפּט. הושענא רבה ווערן צעשיקט די צעטלעך מיטן פּסק־דין, דורך דער הימלישער פּאַטשט, אָדער דורך אַ ספּעציעלן שליח. פון דאַנען — דער ווונטש „האָט אַ גוטן צעטל", אין העברעיש — גמר טוב.

דער אַכטער טאָג איז פאַר זיך אַליין אַ יום־טוב, אַ באַזונדערער, וואָס הייסט שמיני עצרת.

די תורה (ויקרא כ"ג, אויך במדבר כ"ט) זאָגט אונדז אָן: ביום השמיני עצרת תהיה לכם", איר זאָלט מאַכן אַ פאַרזאַמלונג פון פאָלק, אַ פאַקס-מיטינג אין מאָדערנעם לשון, מיטן טראָפּ אויף ל כ ם, פאַר זיך אַליין.

דער מדרש תנחומא (פינחס) דערקלערט עס בערך אויף אַזאַ אופן:

סוכות פלעגט מען מקריב זיין 70 קרבנות פאַרן וווילזיין פון די 70 אומות העולם. דאָס ווייזט די אוניווערסאַלקייט פון דעם יום-טוב און די זאָרג פון דעם „ראַסיסטישן" יידישן פאָלק פאַרן גליק פון דער גאַנצער מענטשהייט. ראש השנה איז בכלל אוניווערסאַל, מען פייערט דעם געבורטסטאָג פון דער וועלט און באַשאַפונג פון דעם מענטשן בכלל. יידן זיינען מתפלל דאָן ניט נאָר פאַר זיך און פאַרן אייגענעם פאָלק, נאָר אויך פאַר דער גאַנצער וועלט; מיטן זעלבן אָטעם-צוג וואָס מיר בעטן פאַר זיך, פאַר דער אייגענער נאַציאָנאַלער גאולה, בעטן מיר אויך פאַר דער גאולה פון אַלע איינוווינער פון דער וועלט. נאָר אַ קוק צו טאָן אין די תפילות „מלוך על כל העולם כולו בכבודך...והופיע בהדר גאון עוזך על כל יושבי תבל ארצך" — ג-ט, דערשיין מיט דיין גאַנצן פראַכט אויף אַלע מענטשן פון דער וועלט"...— האָבן דאָך די גויים געדאַרפט ליב האָבן אונדז און טראָגן אויף די הענט? אָבער ניין, „תחת אהבתי ישטנוני" (תהלים ק"ט ד'). זיי האָבן אונדז פיינט און קענען אונדז ניט פאַרדייען. דאָס פאַרדריסט שוין דעם רבש"ע און ער זאָגט — „עצרת תהיה ל כ ם". גענוג, גיט שוין ניט אַוועק אַזוי פיל כוחות פאַר פרעמדע און ווי ישעיה דריקט זיך אויס (ס"ה כ"ב): „לא יבנו ואחר ישב, לא יטעו ואחר יאכל", גענוג שוין היימען פאַר פרעמדע געבויט און גענוג שוין פאַר פרעמדע געפלאַנצט, האָט שוין זיך אין זינען.

אין שמיני עצרת פלעגט אַמאָליקע צייטן פאָרקומען אויך די שמחה פון גיסן וואַסער אויפן מזבח אַלס אַ קרבן. דערפאַר פלעגט מען אים אויך אָנרופן שמחת בית השואבה. דער מנהג איז זייער אַן אַלטער. ער ווערט דערמאָנט אין שמואל-א ז'-ו און שמואל-ב כ"ג-טז, ווען שמואל הנביא און דוד המלך האָבן געגאָסן וואַסער אויפן מזבח — „וישאבו מים וישפכו לפניהו". נאָר ביי עזרא הסופר האָט עס אָנגענומען די פאָרם פון אַ פאָלקס-יום-טוב וואָס איז געפייערט געוואָרן מיט דער באַטייליקונג פון דעם גאַנצן פאָלק מיט אַ סך פייערלעכקייט און ענטוזיאַזם, מיט אַ פּראָצעסיע פון געזאַנג און טענץ. „מי שלא ראה שמחת בית השואבה לא ראה שמחה מעולם." (תלמוד).

דער נביא ישעיהו (י"ב ג') זינגט וועגן דעם:

„ושאבתם מים בששון ממעיני הישועה" — מיט פרייד שעפט וואַסער און טרינקט פון די קוואַלן פון גליק.

## שמחת תורה

דעם 9טן טאָג פון דעם יום-טוב קראַנץ, פון סוכות, אין די תפוצות, דער 8טער טאָג אין ארץ ישראל, איז באַשטימט געוואָרן פאַר אַ טאָג פון ספּעציעלער פרייד. דאָס איז דער טאָג ווען מען ענדיקט לייענען דיתורה. די לעצטע סדרה „וזאת הברכה" ביז „לעיני כל ישראל."

די תורה איז איינגעטיילט אין 52 סדרות — די צאָל פון וואָכן אין יאָר. יעדע וואָך לייענט מען איין סדרה, און דער ציקל, דער מחזור פאַרענדיקט זיך שמחת תורה. ס'איז אַ גייסטיקער יום-טוב; אַז מען ענדיקט אַ ספר מאַכט מען אַ סיום, דערפאַר האָט דער יום-טוב אַמאָל געהייסן יום הספר, יום הסיום. מיט יעדער ענדע הייבט זיך אָן אַ נייער אָנהייב, מען ענדיקט די תורה און מען הייבט אָן ווידער פון אָנהייב, פון בראשית, אָן אַן איבעררייס.

שמחת-תורה — דער פריילעכסטער, ספּאָנטאַנער יום-טוב איז רעלאַטיוו אַ יונגער יום-טוב; ער ווערט ניט דערמאָנט ניט אין חומש און ניט אין די נביאים, און אפילו אין דער גמרא געפינט מען ניט קיין אָנדייט וועגן דעם מערקווירדיקן יום-טוב. ער איז איינגעשטעלט געוואָרן אין דער תקופה פון די גאונים.

ס'איז אַ יום-טוב וואָס איז געבוירן און אויסגעהאָדעוועט געוואָרן דווקא אין גלות, אין בבל, און האָט זיך אָנגענומען ביי אַלע יידן אין זייער צעשפּרייטקייט און אויך אין ארץ ישראל. שמחת-תורה האָט אָנגע-

נומען אַ כאַראַקטער פון אַן אמתן פאָלקס־יום־טוב, האַרציק, פשוט, וואָס האָט פאַר די אַלע דורות אַריינגעבראַכט חיות, לעבנס־זאַפט אין די הערצער פון די יידן, אמתע עכטע פרייד, אין זייערע לעבנס־באַדינגונגען, און געהאָלפן פאַרטרייבן דעם יאוש פון זייער געמיט, אָנפילנדיק דאָס האַרץ מיט בטחון און האָפענונג פאַר בעסערע טעג, געהאָלפן אויפהאַלטן די שכינה אין זייערע געצעלטן.

עס איז ניט צו באַגרייפן די מיסטעריע און דעם אינערלעכן צויבער וואָס די תורה האָט פאַר די יידן! ניט נאָר פאַר די וואָס לערנען און גיבן זיך אָפּ מיט איר אַ גאַנץ יאָר; אָבער אפילו יידן דערוויטערטע, וואָס אַ גאַנץ יאָר עפענען זיי ניט קיין ספר, פאַריאָגט און פאַרפלאָגט מיט דאגות פרנסה — קומט שמחת־תורה באַהעפטן זיי זיך מיט די לומדים און תלמידי חכמים; עס ווערט אָפּגעווישט די מחיצה; מיוחסים, למדנים, פּראָסטע יידן, עם־ארצים, יונג און אַלט, בחורים און זקנים, מענער און פרויען — אַלע צוזאַמען, פאַראייניקט און פאַרברידערט, האַנט אויפן אַקסל, פלעכטן זיך אַריין און לאָזן זיך אַוועק אין אַ באַגייסטערטן, התלהבותדיקן טאַנץ. מיט די ספרי תורה אין די הענט גייט מען צו הקפות און מען זינגט שישו ושמחו בשמחת תורה.

שמחת תורה — די שמחה פון דער תורה, האָט אַמאָל אַ רבי (יאָשע דער בריסקער) געזאָגט, אַז די תורה אַליין פרייט זיך מיט אירע יידן, ס'איז אַ קעגנזייטיקע שמחה פון ביידע צדדים, און נאָר ווען ביידע מחתנים זיינען צופרידן, קען זיין אַן אמתע, עכטע שמחה.

שמחת תורה איז ספּעציעל אַ יום־טוב פאַרן יידישן קינד. די קליינינקע יידישע קינדערלעך, די תינוקות של בית רבן, אפילו אַזעלכע וואָס קענען נאָך ניט קיין אלף־בית, אויך זיי ווערן אויפגערופן צו דער תורה און קריגן אַ קאָלעקטיווע עליה „עם כל הנערים".

דער יום־טוב סוכות, מיט זיין צערעמאָניאַל און דראַמאַטיק, מיט זיין ראָמאַנטיק און סימבאָליזם, קוקט אויס ווי אַ דראַמע, אויסגעשפּילט אין אַ טעאַטער. די בינע שטעלט פאַר אַט די וואָקלדיקע ביידל מיט די דורכזיכטיקע ווענט, צוזאַמענקלעפּט פון דינע ברעטלעך, כאָטש אויסגעפּוצט מיט בילדער פון דעם וויטן אַמאָל, האַלב אָפן, אַז יעדער פרעמדער זאָל קענען אַריינקומען, אַן אַ דאַך, האַלב־באַלויכטן דורך די שטערן וואָס שפּאַרן זיך קוים דורך די טרוקענע, אָפּגעהאַקטע צווייגן, דער סכך, אָבער וואָס לאָזן ניט דורך קיין זונען־שטראַלן; אין דעם ביידל וווינט אַ סוכה־פאָלק, אַ וואַנדערער; די אַקטיאָרן וואָס דרייען זיך אַרום, זיינען די 4 טיפן יידן, זיי שפּילן דאָס די דראַמע, יעדער איינער — זיין ראָל, נאָר יעדער האַלט אויף אַ זייל פון דער סוכה, ווי דער גריכיש־מיטאָלאָגישער אַטלאַס, וואָס טראָגט אויף זיינע אַקסלען דעם גאַנצן אוניווערס.

אַרבעטן זיי צוזאַמען, אין אַחדות, און לעבן בשלום. ברענגען זייערע באַוועגונגען, די נענועים, אַ שפע פון ברכות, און די שוואַכינקע סוכהלע, וואָס שטייט דוכט זיך אויף הינערשע פיסלעך, האַלט אויס ציקלאָנען און קאַטאַקליזמען, און ערד־ציטערנישן, און קיין שונא קען זי ניט אומוואַרפן; און די סוכה ווערט דער סימבאָל פון ענני כבוד, ווי רש"י זאָגט, וואָס באַשיצן זי פון אויסנווייניק און פון אינעווייניק.

ווייל אָבער יעדער איינער מאַכן אַ סוכה פאַר זיך, מאַכן שבת פאַר זיך, פאַרלירט די סוכה איר גלייכגעוויכט און אַט אַט און די סוכהלע פאַלט צו דער ערד. קומען מיר צו דער באַרינדעטער מסקנה, פון סוכת שלום, אַז אויף שלום שטייט די וועלט.

דער יום־טוב סוכות, זמן שמחתנו, הייבט זיך אָן מיט דער מאַטעריעלער פרייד פון חג האסיף און ענדיקט זיך מיט דעם גרויסן טאָג פון שמחת־תורה.

נאָר צו פאַרענדיקן מיט די ווערטער פון נחום הנביא (ב־א): „על ההרים רגלי מבשר משמיע שלום."